בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת ויקהל תשפ"ב

יו"ל פר' ויקהל פקודי תשפ"ג



**לזכר נשמת**
**אדונינו מורינו ורבינו קדוש ישראל ותפארתו,**
**אשר גער בליבותיהן של ישראל**
**רבינו הפני מנחם זצוקללה"ה**
**נתנדב לרגל יומא דהילולא קדישא החל בט"ז אדר**
**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (לו, א) 'וכל איש חכם לב אשר נתן ה' חכמה ותבונה בָּהֵמָּה', און חז"ל זאגען אונז (שמו"ר מח, ג) כל מי שנתעסק במלאכת המשכן נתן בו הקב"ה חכמה ובינה ודעת, ולא בבני אדם אלא אפילו בבהמה ובחיה שנאמר 'חכמה ותבונה בהמה' - בְּהֵמָה כתיב, שנתנה חכמה באדם ובבהמה. און די **מפרשים** שטעלען זיך שוין דערויף וועלעכע תועלת איז געווען פון געבען פאר די בהמות חכמה מיט שכל, דאס איז דאך א בחינה פון 'נזם זהב באף חזיר' (משלי יא, כב).

**הרה"ק הרבי ר' בונם זי"ע** אין זיין ספר קול **שמחה** טייטשט אז מען מיינט נישט אז מ'האט געגעבען חכמה פאר די בהמות און חיות, נאר פשט דערפון איז אז מ'האט געגעבען חכמה פאר די גוף פון די עושי המלאכה, אז זיי האבען געהאט חכמה אויך אין די הענט, וואס די הענט ווערן גערעכנט אזוי וויא בהמה און חיות כלפי די דעת, און דער כח ווערט אנגערופען 'האנדגרייף'. ד. ה. תפיסת יד (חולין מד.), און פשט דערין איז גאלדענע הענט - ידי זהב, וואס דאס מיינט כשרון המעשה - א טאלענט, אז אפילו אין די חלק הגוף האבען זיי געהאט א טאלענט, ווייל הכל מסייעין לעבודת המלך.

**און** כפשוטו - לויט וויא עס זעהט אויס, שטייט אזוי וויא זיינע ווערטער אויך אין **שפת אמת** (לקוטים) אויפ'ן פסוק (לה, כה) **'וכל אשה חכמת לב בידיה טוו'**, וואס ער פרעגט אז דער פסוק הייבט אן מיט א לשון יחיד - 'בידיה', און ענדיגט מיט א לשון רבים - 'טוו', וואס לכאורה וואלט געדארפען שטיין **בידיהם** טוו, אדער **בידיה** טוותה [ווייל מיר טרעפען כמעט נישט אין איין פסוק, אז ס'זאל שטיין סיי א לשון יחיד און סיי א לשון רבים]. און ער געבט צו פארשטיין אז דער פסוק מיינט **'חכמת לב בידיה'** - אז יעדער אשה וואס האט געהאט חכמה במלאכת הידים - אין די הענט, די אלע האבען געשפינט - 'טוו' [און ס'איז משמע פון זיינע ווערטער אז ער מיינט אזוי צו טייטשטען אין די פשט פונעם פסוק, אז ס'דארף זיין

אן אתנחתא צווישען 'בידיה' און 'טוו', אבער לויט די טעמי המקרא איז נישט אזוי משמע אז אזוי איז פשט אין די מיינונג פונעם פסוק, וצ"ת].

**און** אט ענדיגט צו דער שרייבער דארט פון קול שמחה און ער שרייבט 'ודו"ק', און מיר דארפען זיך טאקע פארטיפען דערין, ווייל אין אמת'ן אריין האט דער רבי ר' בונם זי"ע נישט געמיינט נאר צו זאגען א שיינע פשט, אזוי וויא וויא עס ווערט שפעטער ערקלערט אינעם ווערטער פון דער שפת אמת, אז ער ערקלערט די רייד פונעם קול שמחה מיט א טיפע דערהער.

**דער שפת אמת** (ויקהל תרמ"א) ברענגט דער פסוק (לו, ד-ה) 'ויבואו כל החכמים וגו', ויאמרו אל משה לאמור מרבים העם להביא', און ער פרעגט וואס איז דען געשעהן אויב זיי מערען צו ברענגען - 'וקשה מה בכך שמרבין' (עי' תר"מ ד"ה בפסוק המלאכה, ועי' אוה"ח הק').

**דער** טיפקייט פון די קשיא איז לויט דאס וואס ווערט ערקלערט אין **שפת אמת** (פקודי תרמ"ו) אויפ'ן לשון פונעם פסוק (לח, כז) 'מאת אדנים למאת הככר', וואס לכאורה וואלט געדארפען שטיין פארקערט 'מאת הככר למאת אדנים', ווייל צוליב דעם צוועק פון 'מאת אדנים' האט מען צוזאמען גענומען פון יעדער יוד מחצית השקל - 'מאת הככר'. נאר זאגט דער שפת אמת פשט, אז דער גאנצע בנין פונעם משכן און זיינע מאזען איז געווען לויט'ן נדבה וואס געפינט זיך אין די יודישע הערצער, און די ארבעט איז געווען 'מאת אדנים' וויבאלד אז די נדבה איז געווען 'מאת ככר'. און אזוי שטייט אין פסוק (שה"ש ג, ט-י) '**אפריון עשה לו המלך שלמה**' - דאס מיינט דער בית המקדש וואס אין איר רוהט דער קעניג וואס השלום שלו, איז געמאכט געווארען '**מעצי הלבנון, עמודיו עשה כסף רפידתו זהב**', אבער דער השראת השכינה איז לויט די אינערליכע רצון וואס איז דא אין די יודישע הערצער - '**תוכו רצוף אהבה מבנות ירושלים**'. דער משכן וואס איז באהאלטען אויף אלע דורות - איז דער רזולטאט פון די יודישע רצון פון יענעם דור וואס איז מקיף אלע יודישע רצונות, דער

משכן איז געבויעט געווארען פון דער תמצית - סענס פון די יודישע רצונות פון יענעם דור, און אויב זיי וואלטען געהאט א גרעסערען רצון - וואלט געווען אין משכן צוויי הונדערט - מאתיים אדנים, נאר דער אייבערשטער האט געוואוסט פון פאר אויס וויפיהל כח פון רצון איז דא אין די יודישע הערצער - מכח הידיעה ובחירה, און דעריבער זענען די יודישע קינדער באפוילען געווארען צו ברענגען מחצית השקל, און מאכען מאת אדנים, אבער דער יסוד פון די מדות פון דער משכן איז לויט די רצונות וואס איז פארהאן אין די יודישע הערצער.

**און** לויט דעם איז שווער, וואס איז דען געשעהן אויב ס'איז **'מרבים העם להביא'** - אויב זייער רצון איז געווען צו ברענגען נאך, וואלט מען געדארפען מאכען א גרעסערען משכן - ווייל די משכן איז דאך געמאכט געווארען לויט די נדיבות פון די יודישע הערצער.

**ערקלערט** דער **שפת אמת** (תרמ"א, ועי' תר"מ ד"ה בפסוק המלאכה ותרל"ו ד"ה בפסוק) אז די חכמים האבען פארשטאנען ברוח קדשם, אז דאס וואס זיי האבען געמערט צו ברענגען איז געווען מער פון די אמת'ע ווילען זייערע אין הארץ, און ס'איז נישט געווען מיט די גאנצע הארץ, ווייל אויף צו מנדב זיין א נדבה פאר'ן משכן - וואס איז 'נגנז' געווארען לדורות און די שונאים האבען נישט 'שולט' געווען אויף איהר (סוטה ט.), וואס דאס איז ארויסזאג אויף די רצון פון די יודישע הערצער במשך אלע דורות, אויף דעם האט מען נישט אנגענומען נאר אזיין סארט נדבה וואס איז געקומען פון א רצון וואס איז איינגאנצען גאנץ. און דער שפת אמת געבט צו פארשטיין, אז דאס איז די באדייט פון די ווערטער פון דער רבי ר' בונם זי"ע, אז זיי האבען געהאט קליגשאפט אין זייערע הענט, ד. ה. אז זייערע חכמה איז נאכגעשלעפט געווארען אויך במעשה ידיהם, און ס'איז נישט געווען בלויז חכמה אליינט, נאר די מעשים זייערע איז געווען לויט די חכמה, און אזוי וויא ס'שטייט (לה, לב) **'לחשוב מחשבות לעשות'**, אז די מעשה זאל נישט זיין אפגעטיילט פון די מחשבה און די דעת, נאר צו באהעפטען דעם

רצון צו די מעשה בפועל. דאס איז דער אמת'ע און רעכטיגע רצון.

**געוויס** טאקע אז זיינע הייליגע ווערטער זענען למעלה פון אונזערע מדריגות, און דער שפת אמת רעדט אויף גאר גרויסע השגות, און מיר זענען זייער ווייט פון די סארט השגות, אבער ס'איז גוט צו וויסען אז ס'איז פארהאן אזעלעכע השגות, ס'איז גוט אמאהל צו קוקען וויא די דאך איז הויך כדי אז מיר זאלען וויסען ווי נידריג מיר זענען, און מיר זאלען וויסען צו שטרעבען אויף העכערס זיך צו דערהייבען, אז ס'זאל בכלל נישט זיין קיין אינטערשיד צווישען די 'רצון' און די 'גוף', נאר די 'גוף' זאל קענען טוהן און זיך פירעהן לויט די רצון ממש.

**און** אויף דעם שטייגער שטייט פון **הרה"ק רבי פינחס מקאריץ זי"ע** (אמרי פינחס בפרשתן) אז ער האט נאכגעזאגט אין נאמען פונעם **אלשי"ך הק'** אויפ'ן פסוק (לה, לא-לב) **'וימלא אותו רוח אלקים** וגו', **ולחשוב מחשבות לעשות'**, אז יעדער מענטש האט נאר דעת אין זיין מוח, און ווען ער טוהט עפעס א זאך דארף זיין מוח טראכטען דער זאך וואס ער טוהט, אנדערש איז געווען ביי בצלאל, וואס ער איז געווען מלא רוח אלקים - עד כדי אז אויך אלע זיינע גלידער האבען געטראכט מחשבות, און די הענט האבען געטוהן פון זיך אליינט דאס וואס זיי האבען געדארפען צו טוהן, ווייל זיי האבען געהאט דעת פאר זיך [און פון אויווען אויף זעהט דאס אויס אז די ווערטער זענען פארקערט פון וואס מען האט פריער דערמאנט אז מ'טאר נישט אפשיידען צווישען די מעשה מיט די רצון, און ער זאגט אז די הענט האבען געהאט א אייגענע פארשטאנד, אבער באמת איז אלעס איינס, אז דורכ'ן דעת וואס איז דא אין קאפ, און א אמת'ע רצון אין הארץ, איז אויך דא דעת אין אלע איברים זיך צו פירעהן לויט'ן רצון]. און מיט דעם טייטשט ער דעם פסוק (תהלים עח, עב) **'ובתבונות כפיו ינחם'**, אז אויך אין די הענט - 'בכפיו' איז געווען א פארשטאנד - 'תבונה'. און דאס איז די באדייט פונדעם וואס חז"ל האבען געזאגט (ויק"ר לה, א) אז דוד המלך ע"ה האט געזאגט **'בכל יום ויום הייתי מחשב ואומר למקום פלוני ולבית דירה פלונית אני הולך,**

**והיו רגלי מביאות אותי לבתי כנסיות ולבתי מדרשות**', ד. ה. אז די פוס אליינט האבען געהאט א פארשטאנד - דעת, און דאס איז דורכדעם וואס דער מענטש הייליגט זייער אלע זיינע גלידער פאר'ן אייבערשטען.

**און** לויט זיינע הייליגע ווערטער, איז די טיפקייט פון דאס וואס דוד המלך ע"ה זאגט '**רגלי היו מוליכות אותי**', נישט אזוי וויא מיר טייטשען שטענדיג אז די רצון מיט די מחשבה זיינע זענען געווען איינס, און די פוס האבען איהם געפירט צו א אנדערע ארט. נאר ער מיינט צו זאגען, אז זיין מחשבה איז געווען אזוי שטארק עד כדי אז זיין רצון האט זיך צושפרייט אין אלע זיינע גלידער פונעם גוף, און ס'איז אריין א פארשטאנד אין זיינע הענט און פוס, און ס'איז נישט געווען קיין שום אינטערשייד צווישען די דריי זאכען וואס זענען באר'ן מענטש אזוי וויא א בהמה - די חלק הבהמה און די חלק הגוף וואס ס'איז פארהאן אינעם מענטש, און צווישען די דריי זאכען וואס זענען צוגעגליכען אזוי וויא מלאכי השרת. און כעין וואס

מ'זאגט נאך אין נאמען פון **הרה"ק רבי מנדל מרימנוב זי"ע** אויפ'ן פסוק (וירא כב, י) '**וישלח אברהם את ידו**', אז די גוף פון די הייליגע אבות הק' איז געווען צוגעבינדען צום רבונו של עולם, אינגאנצען קודש לה', מרכבה לשכינה, און פון רוב אויסגעלויטערטקייט זענען די איברים געלאפען פון זיך אליינט צו טוהן די מצוה, און פון צווייטע זייט האבען זיך אויך די איברים אנטקעגען געשטעלט און נישט געלאזט טוהן דאס וואס איז אנטקעגען דעם רצון פונעם אייבערשטען, און דאס איז געווען זייערע גאנצע אייגענע רצון, און דערפאר באר'ן עקידה וואס דארט איז נישט געווען דער רצון פונעם אייבערשטען אז ער זאל שחט'ן יצחק אבינו, זענען די הענט פון אברהם אבינו געווארען שווער - נישט אזוי וויא אלע אנדערע מעשים זיינע, און ער האט געדארפען מאכען א ספציעלע פעולה פון 'וישלח אברהם את ידו' (עי' ילקוט מנחם פר' וירא).

**און** מיט דעם קען מען פארשטיין דאס וואס שטייט אין ירושלמי (ברכות פ"ב ה"ד) '**א"ר מתניה אנא מחזק טיבו**

**לראשי, דכד הוה מטי מודים הוא כרע מגרמיה'.** און געוויס אוודאי מיינט דאס נישט צו אונזער סארט דאווענען וואס מיר דאווענען, וואס מיר טראכטען אויף כל מילי דעלמא און מ'האט נישט אינזינען פירוש המלות, און די קאפ ביקט זיך פון זיך אליינט. נאר דאס מיינט אז די גוף איז געווען באהאפטען צו די פארשטאנד - דעת וואס איז דא אינעם קאפ, עד כדי אז די קאפ איז געווען מושפע פון די 'חכמה' און פון די 'רצון' פונעם הארץ - אז ס'האט זיך געביקט פון זיך אליינט.

**און** דאס איז געווען די גאנצע ארבעט פונעם עבודת המשכן - צו באהעפטען הימעל און ערד, און אזוי איז אויך די ארבעט פונעם מענטש אויף די וועלט, אין זיין אייגענע פריוואטע משכן, צו באהעפטען און צו בינדען די גשמיות מיט'ן רוחניות, עד כדי אז ס'זאל נישט זיין קיין שום אינטערשיד צווישען די רצון פון די גלידער פונעם גוף, נישט פשט אז דער מענטש האט א 'רצון', און מען דארף צובייגען די גוף אז ס'זאל זיך פירעהן אזוי וויא די רצון זיינע, נאר אלעס איז איינס, אלעס ווייל צוזאמען - דער קאפ מיט דער רצון צוזאמען מיט די איברי הגוף, דער מענטש זאל שפירען אז ער האט בכלל נישט קיין אייגענע רצון, נאר כל כולו איז ער א שליח צו טוהן די רצון המלך אויף די וועלט, די 'דעת', די שכל, די רצונות מיט די איברים פונעם גוף איז איין צוזאמענשאפט פון טוהן רצון ה'. און ווען די יודען האבען געמערט צו ברענגען - **מרבים העם להביא**, האבען די חכמים געשפירט ברוח קדשם, אז דאס איז נישט געווען מיט א גאנצע חיבור צווישען די רצון אינעם הארץ צו די מעשה בפועל.

**און** דאס איז וואס מיר זאגען אינעם פיוט פון שבת שקלים '**גְּדִי קְשׁוּר יָדַיִם בְּרָכוֹת לְשָׂא**', קשור ידים איז אזוי וויא ס'שטייט (בשלח טו, ו) 'ימינך ה' נאדרי בכח ימינך ה' תרעץ אויב', און רש"י טייטשט פון חז"ל (מכילתא בשלח פרשת השירה ה) 'כשישראל עושין רצונו של מקום - הן עושין שמאל ימין, שנאמר ימינך ה' ימינך ה' שני פעמים', דורכדעם וואס זיי טוהן רצונו של מקום - אז מ'מאכט פון דער וועלט וואס דער אייבערשטער האט געוואלט

פון דער וועלט, און מ'איז מחבר שמים וארץ - מ'באהעפט הימעל און ערד, ווערט די 'שמאל' איבער געדרייט אויף 'ימין', און ס'ווערט 'קשור ידים ברכות לשא'.

**און** געוויס טאקע זענען די פריעדיגע רייד פונעם שפת אמת גרויסע מדריגות, און זיינע ווערטער אין דעם שטיקעל זענען כעין א 'יומן' - וואס דורכ'ן ספה"ק שפת אמת קען מען באקומען א בליק און עפעס א באגרייף וויא אזוי און וואס איז געווען שבת קודש פרשת ויקהל תרמ"א ביים שפת אמת זי"ע, וואס זענען געווען זיינע השגות און געפילעהן, און אזוי וויא די **צדיקים** זי"ע האבען געזאגט פאר איינעם וואס האט זיך באקלאגט וויא א גרויסע פארלוסט איז עס אז ער האט נישט זוכה געווען צו קענען דעם שפת אמת זי"ע, אז ער קען איהם קענען דורך זיין ספר [הגם אז ס'איז באוואוסט אז עס זענען דא ספרים וואס זענען גרעסער פון זייער מחבר, און ס'איז פארהאן מחברים וואס זענען גרעסער פון זייערע ספרים, און גדולים האבען מעיד געווען אז אין ספר שפת אמת איז די מחבר געווען נאך גרעסער פון די ספר זיינע], און זיינע הייליגע ווערטער זענען למעלה מהשגתינו, ווייל טאקע אויס צו לויטערען גאלד איז נישט אזוי שווער - ווייל מ'קען עס אריין לייגען טויזענט מאהל אין א כור און עס אויס צו לויטערען, אבער אויס צו לויטערען די רצונות איז זייערע א שווערע ארבעט, און מיר אינעם דור פון עקבתא דמשיחא, בבחינת רגלים, אויב מיר וועלען מדקדק זיין אין יעדער מעשה וואס מיר טוהן אויב ס'איז אויס געהאלטען לויט'ן רצון פונעם הארץ, וועלען מיר נישט דאנזשען עפעס צו טוהן, נאר מיר דארפען וויסען אונזער נידריגע מדריגה - אז מיר זענען עקביים, אז ס'זאל זיין א אמת'ע קרעכטץ אויף אונזער נידרעגן מצב - ווייל ס'איז דא א ווערד פאר א אמת'ע קרעכטץ, און לכל הפחות צו זיכען און צו וועלען זיך צו דערהייבען מיט עפעס, עפעס א שטיקעלע רצון מחבר זיין צו די מעשים.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען זוכה זיין צו וויסען און

ערגרייכען די העכערקייט פונדעם קדושה פונעם משכן - וואס דאס איז דער 'יסוד' פאר'ן השראת השכינה ביי די יודען אין אלע דורות, אויך פאר אונז אין אונזערע נידרעגן דור - זענען יודען באפוילען צו טוהן רצונו של מקום - צו באהעפטען הימעל און ערד, און אט איז דאך **בין כך ובין כך קרויים בנים** (קדושין לו.) - ווייל מ'דארף און מ'קען און מיר זענען עתידים צו טוהן רצונו של מקום, און מיר זאל'ן זוכה זיין צו הייליגען אלע אברים צו טוהן מיט זיי דעם רצון ה' אזוי וויא עס דארף צו זיין.